# איציק מאַנגער

# אבֿרהם אָבינו מוסרט לוטן

„לוט, איך מוז דיר זאָגן ס׳איז – פֿע!
דו שיכּורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט

דאָס פּאַסט פֿאַר מאַנגער, דעם שנײַדערוק,
אָבער אָסור נישט פֿאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זײַן
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד אַ גבֿיר.

האָסט שאָף און רינדער און ציגנבעק;
פֿאָלג מיך און פֿאָרכט זיך פֿאַר גאָט,
אויף יעדן ערל, וואָס זשליאָקעט זיך אָן,
זאָגט מען שוין: שיכּור ווי לוט.

כ׳פֿאַרשטיי, מען מאַכט אַ כּוסע אַ מאָל
פֿרײַטיק צו נאַכטס בײַם טיש
ווען סע ברענען די הייליקע שבת-ליכט
און מען עסט די געפֿילטע פֿיש.

אָבער נישט ווי דו, טאָג-אײַן טאָג-אויס.
ווי ווערט דאָס אַ מענטש נישט מיד!
סע פּאַסט פֿאַר האָווילע, דעם שבת-גוי.
אָבער אָסור נישט פֿאַר קיין ייִד.

באַטראַכט זיך וואָס וועט מען זאָגן אַ מאָל:
סע האָט אבֿרהם אָבֿינו געהאַט
אַ קרוב אַ שיכּור און וואָס אין דער קאָרט,
וואָס דאָס איז נאָך ערגער פֿון שמד.

און אַז מען שמועסט שוין, הער זשע מיך אויס,
ביסט דאָך אַ טאַטע – ווײ איז צו מיר,
צי אַרט דיך נישט, וואָס דער שדכן ווײַכט
ווי אַן עיפּוש דײַן שוועל און דײַן טיר?

וואָס אַפֿילו דער מינדסטער שנײַדעריונג
וויל נישט דײַן איידעם זײַן
און בײַ דײַנע טעכטער זילבערן די צעפּ
– און אַלץ איז כּדאי צוליב ווײַן?

לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז – פֿע!
דו שיכּורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פֿאַר מאַנגער, דעם שנײַדערוק,
אָבער אָסור נישט פֿאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זײַן
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייִד אַ גבֿיר."

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.